ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח'

## תזריע - החודש

שנת תשע"א

**אדם כי יהיה בעור בשרו:**

דער מדרש זאגט ווען אידן האבן געהערט פרשת נגעים האבן זיי זיך דערשראקן, האט זיי דער רבש"ע בארוהיגט זאגנדיג אז דאס איז נאר פאר די גוים, אבער די אידן קענען זיין רוהיג און פרייליך, וצ"ב איז דען די גאנצע פרשה מיט די הלכות געזאגט געווארן פאר די גוים?

ענטפערט **הרה"ק רבי מאטעלע הארנאסטייפלער זי"ע** לויט די גמרא וואס זאגט אז עכו"ם ששבת חייב מיתה, א גוי וואס האלט שבת איז חייב מיתה, איז דער **הפלא"ה** ז"ל מסביר דעם טעם ווייל דער אייבערשטער האט דוקא קובע געווען שבת אלס **יום מנוחה**, ווייל דער מזל פון שבת איז עצבות, און דער אייבערשטער ווייל ווייזן אז כלל ישראל איז העכער די מזלות דעריבער האט ער זיי געגעבן דעם שבת אלס **יום מנוחה ושמחה**, משא"כ א גוי וואס הייבט זיך אויף העכערן מזל איז ווי א מורד במלכות און ער איז חייב מיתה.

דער **אריז"ל** זאגט אז ווער עס איז נישט מענג את השבת ווערט איבערגעדרייט פון **ענג** צו **נגע**, אבער ווער עס האלט יא שבת איז זוכה צו **ע'דן נ'הר ג'ן**.

דאס זאגט דער **מדרש** אז אידן האבן זיך דערשראקן פון פרשת נגעים, האט דער אייבערשטער געזאגט אז נאר די גוים וואס האבן נישט מצות **שבת** וועט ווערן פון **ענג נגע**, אבער אידן וואס האבן **ענג** שבת וועלן זיי זיין פטור פון די **נגעים**.

*

**אדם כי יהיה בעור בשרו:** במסורה ארבע אדם, אדם כי יהיה בעור בשרו, אדם כי יקריב מכם קרבן, אדם כי ימות באוהל, אדם ובהמה תושיע ה'.

**הגה"ק רבי שלמה קלוגער ז"ל** פארענטפערט די מסורה לויט דעם וואס דער ירושלמי (מכות פ"ב ה"ו) ברענגט אז מען האט געפרעגט אין הימל וואס זאל מען טון מיט א מענטש וואס האט געזינדיגט, די חכמה האט געזאגט אז יסורים זאל מכפר זיין, די נבואה האט געזאגט אז מיתה זאל מכפר זיין, די תורה האט געזאגט אז קרבנות זאל מכפר זיין, און דער רבש"ע האט געזאגכט אז תשובה זאל מכפר זיין.

קומט אויס אז לויט די עצה פון די חכמה און די נבואה דארף דער מענטש שטארבן, און לויט די עצה פון די תורה דארפן די בהמות שטארבן, נאר לויט די עצה פונעם אייבערשטן דארף קיינער נישט שטארבן.

דאס זאגט די מסורה **אדם כי יהיה בעור בשרו נגע צרעת**, דאס איז די עצה פון די חכמה אז מ'זאל נידון ווערן מיט יסורים, **אדם כי יקריב מכם קרבן**, איז די עצה פון תורה, **אדם כי ימות** איז די עצה פון די נבואה, אבער **אדם ובהמה תושיע ה'**, לויט די עצה פון כביכול ווערן סיי די מענטשן און סיי די בהמות געראטעוועט פון טויט, ווייל ער טוט תשובה.

*

**החודש הזה לכם ראש חדשים וגו':** דער אור החיים הק' שטעלט זיך אויפן כפל הלשון ראש חדשים, ראשון הוא לכם וגו'.

זאגט דער הייליגער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** אז פון דעם פסוק לערנען מיר דאך ארויס די מצוה צו ציילן חודש ניסן די ערשטע פון אלע חדשים כדי צו דערמאנען דעם נס יציאת מצרים וואס איז געווען חודש ניסן.

עס איז ידוע די מחלוקת התנאים אין מס' ברכות צי ווען משיח וועט קומען וועט מען נאך דערמאנען דעם נס יציאמ"צ, בן זומא האלט אז מ'וועט בכלל נישט דערמאנען יציאת מצרים, און די חכמים האלטן אז מ'וועט אויך דערמאנען יציאת מצרים, אבער דער עיקר וועט זיין דער חג הגאולה שלימה, קומט אויס לכאורה אז נאר בזמן הזה ציילט מען פונעם חודש פון יציאת מצרים, אבער נאך די גאולה וועט מען ציילן צום נייעם זמן הגאולה.

אבער דער אמת איז ווי די גמרא זאגט אין מס' ר"ה (י"א ע"ב) **בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל**, און אפילו נאך די גאולה שלימה וועט מען ווייטער ציילן פון חודש ניסן.

דאס זאגט דער פסוק **החודש הזה לכם ראש חדשים**, דאס איז א ציווי פארן בי"ד יעדן דור צו קובע זיין דער זמן און ציילן פון חודש ניסן, נאכדעם זאגט דער פסוק **ראשון הוא לכם** דאס וועט בלייבן דער ראשון **לחדשי השנה** אפילו פאר די חדשים נאך די גאולה שלימה, וועט זי אויך בלייבן דער ראשון ווייל די גאולה העתידה וועט אויך זיין אין חודש ניסן.

### תהלים פונקט ווי נגעים

**הרה"ק רבי דוד'ל טאלנער זי"ע** זאגט א שיינע זאך. ווייל די משנה אין מס' נגעים לערנט ארויס פון דעם פסוק אז יעדער מעג קוקן א **נגע**, אבער עס איז א גזירת הכתוב אז דער כהן דארף ארויסזאגן מיטן מויל, טהור אדער טמא, דעריבער קען מען גיין צו א תלמיד חכם ווייזן דעם **נגע**, און ער זאגט פארן כהן וואס צו זאגן.

מיט דעם קען מען פארשטיין דעם מדרש וואס זאגט אז דוד המלך ע"ה האט געבעטן פונעם אייבערשטן אז יהי רצון ווער עס זאגט תהילים זאל גערעכנט ווערן כאילו ער איז עוסק אין **נגעים ואהלות**. די כוונה פון די בקשה איז אז פונקט ווי ביי נגעים קען דער כהן זאגן **טהור, טמא**, אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער רעדט, אפילו ער האט נישט קיין כוונה, און דאך ווערט די פעולה פון **טהור טמא** אויפן מענטש, אזוי האט ער געבעטן אז דאס זאגן תהילים פון פשוט'ע מענטשן וואס זיי פארשטייען נישט וואס זיי רעדן זאל אויך אויפטון די זעלבע גרויסע פעולה לטובה.

# אוצר הידיעות

## ראש חדשים

דער **רמב"ן** זאגט אז דער טעם פון די מצוה איז וויבאלד די חדשים האבן נישט קיין נעמען אין די תורה, האט דער אייבערשטער געהייסן אז מ'זאל אויסרעכענען די חדשים אנגעהויבן פון חודש ניסן, כאטש ראש השנה איז אייגענטליך אנהויב יאר, אזוי וועט אלעמאל זיין א זכר צום נס פון יציאת מצרים. דאס זאגט דער פסוק ראשון הוא לכם, כאטש צום יאר איז דאס נישט ראשון, אבער לכם, צו ענקער נס איז דאס די ערשטע.

די נעמען וואס מיר רופן די חדשים זענען פרס'ישע נעמען, און די נעמען טרעפט מען צום ערשט אין די ספרי נביאים וואס זענען ארויפגעקומען פון בבל, זכרי', עזרא, נחמי', מגילת אסתר, און ביז היינט אין פרס ומדי רופט מען טאקע די חדשים מיט די נעמען.

**שבת החודש** איז שבת מברכים ניסן. דער **מגן אברהם** זאגט (סי' ת"ז סק"א) אז יעדן שבת פאר ר"ח בענטשט מען דעם חודש אויסער שבת פאר ר"ח תשרי.

דער טעם פון ר"ח בענטשן ווערט געברענגט אין **ראבי"ה** (הל' ר"ה סי' תק"ל) אז דאס איז א ענין פון **קידוש החודש**, ווען בזמן הבית פלעגט דער ראב"ד אויסרופן 'מקודש' און דער גאנצער עולם האט געזאגט 'מקודש מקודש'.

דער **יראים** זאגט (ח"ב אות רנ"ט, עי' מג"א סי' ת"ז סק"א) אז מ'בענטשט דעם חודש א שבת פריער כדי צו דערמאנען דעם ציבור אז עס קומט ראש חודש, און מ'זאל זיין געווארנט אין אירע הלכות.

ביים ר"ח בענטשן בעט מען אויף די גאולה **שלימה "מי שעשה נסים לאבותינו הוא יגאל אותנו בקרוב"**, דער **לבוש** (סי' תכ"א ס"א) זאגט דעם טעם ווייל די מצוה פון ר"ח איז געווען די ערשטע מצוה וואס אידן זענען באפוילן געווארן תיכף ווען זיי זענען אויסגעלייזט געווארן, ממילא יעדעס מאל וואס עס קומט א נייע חודש איז מען מתפלל אויף די גאולה.

אדער זאגט דער **לבוש** א טעם, וויבאלד בזמן הבית פלעגט מען מקדש זיין דעם חודש עפ"י הראי' בעט מען דעם אייבערשטן אז מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן, און קענען בקרוב נאכאמאל מקדש זיין דעם חודש עפ"י הראי'.

# אוצר רבותינו

## געטשעפעט די ספר תורה

**הרה"ק רבי משה סופר זי"ע** פון פשעווארסק פלעגט שרייבן זיינע תפילין און ספרי תורה מיט א אויסערגעווענליכע קדושה און מיט מורא'דיגע כוונות, און צדיקים האבן געהאלטן פאר א זכי' צו האבן תפילין און ספרי תורה וואס זענען געשריבן געווארן דורך איהם.

עס איז געווען ידוע אז מ'קען נישט טרעפן קיין טעות אין זיינע פרשיות, דעריבער האט מען געצאלט גרויסע געלטער פאר א מגיה וואס וועט טרעפן א טעות.

איינמאל האט ער געשריבן א ספר תורה פאר **הרה"ק רבי מרדכי פון נעשכיז זי"ע**, און ווען ער האט געענדיגט די ספר תורה האט מען אויפגענומען א מגיה וואס האט א לענגערע צייט איבערגעקוקט די ספר תורה, און זעהנדיג אז ער האט נישט געקענט טרעפן קיין איין טעות, און ער וועט נישט קענען פארדינען דאס געלט וואס מ'האט צוגעזאגט פאר יעדן טעות, האט ער געוואלט איבערווייזן אז ער וועט יא טרעפן א טעות, נאר אזוי ווי מ'האט אכטונג געגעבן אז ער זאל נישט האבן מיט זיך קיין פעדער און טינט בשעת'ן מגיה זיין, האט ער אויסגעריסן א האר פון זיין בארד, און מיט שפייעכטס האט ער צעווישט די טינט ביים ווארט **נג"ע צרעת**, אז דער ג' האט אויך אויסגעזעהן ווי א נו"ן, און ער האט פאר יעדן געוויזן אז ער האט געטראפן א טעות אין די ס"ת.

ווען מ'האט דאס דערציילט פאר רבי משה זי"ע האט ער געזאגט "איך האב נישט געשריבן קיין נ' אנשטאט א ג', און איך געדענק נאך די כוונות וואס איך האב אינזינען געהאט ביים שרייבן דעם ג', עס מוז זיין אז דער מגיה האט דאס אליינס געמאכט, און כדאי צו באשטעטיגן די זאך זאג איך אז אויב איז אמת וואס איך זאג זאל ער באקומען א נגע צרעת אויף זיין גאנצן לעבן...

תיכף ומיד האט דער מגיה באקומען זיין עונש און ער איז געווארן פול מיט צרעת פון קאפ ביז פיס, און יעדער האט געזעהן וואס פארא שקרן ער איז.

# יגעת ומצאת

שטייענדיג אין די טעג וואס מיר גייען אריין אין חודש ניסן דער חודש פון די גאולה, און אויך אין די פרשיות אין די וואכן האבן מיר געלערנט דעם חנוכת המשכן וואס איז געווען אין די טעג, וועלן מיר יעצט לערנען די ידיעות איבער דעם ערשטן יאר פון יציאת מצרים ביז הקמת המשכן.

**יציאת מצרים איז געווען ביום, שנת, קריעת ים סוף איז געווען ביום, אידן זענען אנגעקומען קיין מדבר סיני ביום** (שמות י"ט א'). **מתן תורה איז געווען ביום** (עי' תענית כ"ח ע"ב כל הענין **לויט א צווייטע דעה, משה רבינו איז ארויף אין הימל ביום, און אראפגעקומען ביום** (עי' רש"י יתרו י"ח י"ג) **חטא העגל איז געווען ביום, משה רבינו איז ארויף די צווייטע מאל, און אראפגעקומען, משה רבינו איז ארויף די דריטע מאל, און אראפגעקומען. משה רבינו האט גע'משפט די אידן דאס ערשטע מאל ביום** (שם) **ער האט מצוה געווען אויף מלאכת המשכן ביום** (ויקהל ל"ה א' רש"י. **משה רבינו האט געטון די עבודה אין משכן מיט וועלכע קליידער?** (צו, ח' כ"ח רש"י) **מיום, עד יום. אהרן מיט זיינע קינדער האבן אנגעהויבן צו טון די עבודה ביום, פארוואס זענען זיינע צוויי קינדער געשטארבן?** (עי' בעה"ט ויקרא י' ב' בשם חז"ל) **וואס זענען די עשר עטרות וואס דער טאג האט גענומען?** (שבת פ"ז ע"ב)

### ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס האבן שייכות מיט די שאלות פון "יגעת ומצאת")

**יצ'יאמ"צ, קרי"ס, כה"ג, משרע"ה, נו"א, יוכ"פ, מ"ת, ביהמ"ק, ער"ח**

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' שמיני

א. הרה"ק רבי ר' אלימלך בן רבי אליעזר ליפמאן, שם משפחתו ווייסבלום, חתן בזו"ר הה"ק רבי אהרן רוקח ז"ל. בזו"ש הה"ק רבי יעקב מרגליות.

ב. נולד בשנת תע"ז, נפטר בשנת תקמ"ז.

ג. תלמיד המגיד הגדול ממעזריטש זי"ע, אחיו היה הרה"ק הרבי ר' זושא מאניפאלי זי"ע, בניו הק' הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק, והרה"ק ר' אליעזר ליפא מחמעלניק.

ד. חיבר ספה"ק נועם אלימלך, וגם צעטיל קטן והנהגת האדם.

ה. ליזענסק נמצא במדינת פוילין.

ו. הרה"ק ר' אלימלך מסר כח עיניו לתלמידו החוזה מלובלין, כח פיו מסר לתלמידו הרה"ק מאפטא, כח לבו מסר לתלמידו המגיד מקאזניץ. כח מחו מסר לתלמידו הרה"ק רבי מענדעלע מרימאנוב זי"ע.

ז. בעל אוהב ישראל מאפטא, הרבי מלובלין, המגיד מקאזניץ, בעל זרע קודש מראפשיץ, הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק, הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב, הרה"ק רבי דוד'ל מלעלוב, הרה"ק בעל מאור ושמש. הרה"ק רבי שמואל מקארוב.